**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 06/13/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פאונדינג מיטגלידער פון ניו יארק'ס נייע טעכנאלאגיע עדווייזערי באורד**

***CEO's פון IBM און Girls Who Code וועלן פירן אומאפהעניגע גרופע פון ראטגעבער צו גיבן אינפארמאציע און פארשנעלערן ניו יארק'ס טראנספארמאציע צו ווערן א צענטער פאר ערפינדונג***

***מיטגלידער נעמען אריין פירערס פון ארטיפישעל אינטעליגענץ, פארגעשריטענע מעניופעקטערינג, פינאנץ, בייא-טעכנאלאגיע און אנדערע אינדוסטריס, און פירערס פון גלאבאל-בארימטע נאן-פראפיטס פאקוסירט אויף גלייכבארעכטיגקייט און ארבעטסקראפט***

***געבויעט אויף די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו פארשפרייטן פארגעשריטענע אינדוסטריס אין ניו יארק סטעיט און מאכן ניו יארק די קאפיטאל פון פאראנטווארטליכע AI***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די מיטגלידער פון די נייע טעכנאלאגיע עדווייזערי באורד, א זעלבסטשטענדיגע גרופע פון אינדוסטרי פירערס מיט'ן פליכט צו צייגן די וועג פאר בליענדע נייע טעכנאלאגיע עקא-סיסטעם אין ניו יארק סטעיט. די עדווייזערי באורד, געפירט אינאיינעם דורך IBM טשיעף עקזעקיוטיוו אפיציר ארווינד קרישנא און Girls Who Code (מיידלעך וואס קאוד'ען) טשיעף עקזעקיוטיוו אפיציר דר. טאריקע בארעט, וועלן ווייטער פאראויס רוקן די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו מאכן ניו יארק אלס די קאפיטאל פון פאראנטווארטליכע דעוועלאפמענט און באנוץ פון AI און נייע טעכנאלאגיעס. די באורד שפיגלט אויך אפ ניו יארק'ס פארשידנארטיגקייט פון טראכטונג און מיטלעבונג, אריינגערעכנט אוועקגעשטעלטע פירמע פירערס, פארשונג אנפירער, נאן-פראפיט פירערס און אינדוסטרי פראקטישאנערס וועלכע פארעמען אקטיוו אויס די צוקונפט פון נייע טעכנאלאגיעס אין די סטעיט.

"ניו יארק בויעט א גלאבאלע נאמען אלס די פלאץ וואו ביזנעסער קומען צו וואקסן, ווערן מער פארגעשריטן, און אנהויבן אנטוויקלען די טעכנאלאגיעס פונעם צוקונפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונטער ארווינד און דר. בארעט'ס הויכגעשעצטע פירערשאפט, וועט די נייע טעכנאלאגיע עדווייזערי באורד העלפן אויסנוצן די גאנג און בויען א פארגעשריטענע, איינשליסליכע עקאנאמיע, געטריבן דורך ארטיפישעל אינטעליגענץ, סעמי-קאנדאקטערס, און אנדערע שנעל-וואקסנדע באפעלקערונגען, וועלכע וועלן עפענען געלעגנהייטן פאר צענדליגע ניו יארקער."

**IBM טשעירמאן און CEO ארווינד קרישנא האט געזאגט,** "עס איז מיר א כבוד צו זיין א קא-טשעיר פון די נייע געמאלדענע ניו יארק נייע טעכנאלאגיע עדווייזערי באורד, אינאיינעם מיט דר. טאריקא בארעט. די גרופע פון פירערס וועלן העלפן פארזיכערן אז ניו יארק זעצט פאר צו בליען אלס א גלאבאלע צענטער פאר פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס אריינגערעכנט סעמי-קאנדאקטערס, AI, און קוואנטאם קאמפיוטינג.

מיר דאנקען גאווערנער האקול פאר צוזאמנעמען די גרופע און פאר איר פירערשאפט אין צייגן די צוקונפט פון ניו יארק און אונזערע קאמיוניטיס."

**CEO פון Girls Who Code דר. טאריקא בארעט האט געזאגט,** "עס איז מיר א כבוד זיך איינצושליסן מיט ארווינד קרישנא צו ענטפאנגען די נייע מיטגליגער פון די נייע טעכנאלאגיע עדווייזערי באורד און קוק פאראויס צו ארבעטן מיט זיי אינעם צייט וואס מיר פירן ניו יארק אריין אינעם פרייליכע צייט פון טעכנאלאגישע פאגערשריטענקייט. זייער געוואלדיגע ערפארונג און ברען פאר פארשריט וועט זיין זייער וויכטיג ווען עס קומט צו אדרעסירן די דרינגנדע פראבלעם פון אונזער טוישנדע ארבעטסקראפט. אויב מיר ווילן אז ניו יארק זאל זיין א פירער אין די קומענדיגע דור פון נייע טעכנאלאגיע, דארפן מיר יעצט אינוועסטירן אין אונזער פארשידנארטיגע קאמיוניטיס, און פארזיכערן אז זיי זענען גרייט אנצונעמען די ארבעט פונעם צוקונפט."

די נייע טעכנאלאגיע עדווייזערי באורד נעמט אריין די פאלגנדע מיטגלידער:

1. **דר. טאריקא בארעט (קא-טשעיר),** CEO, Girls Who Code
2. **ארווינד קרישנא (קא-טשעיר),** CEO און טשעירמאן, IBM
3. **אלבערט באורלא**, CEO, Pfizer
4. **ריטשערד בוערי**, CEO, Robin Hood
5. **בערטינע סעסארעלי**, CEO, Npower
6. **סאומאק שאטאופאדהייעי**, מענעדזשינג פארטנער, Armory Square Ventures
7. **מאריאו סילענטאו**, פרעזידענט, New York State AFL-CIO
8. **דעוו איטישעריע**, CEO, MongoDB
9. **דזשאואנא געראגטי**, CEO, JetBlue
10. **לינדי הייס-דאנטאן**, עקזעקיוטיוו דירעקטאר, National Offshore Wind Research & Development Consortium
11. **רעני עף. דזשאונס**, CEO, M&T Bank
12. **לינן מארטין**, פרעזידענט, The New York Stock Exchange
13. **סאנדזשעי מעהראטרא**, CEO, Micron
14. **אפארנא פאפו**, וויצע פרעזידענט און אלגעמיינע מענעדזשער פון Workspace, Google
15. **דזשולי שאמועלס**, פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Tech:NYC
16. **ליסע סאביעראזסקי אווילא**, CEO, Kitware
17. **פאט וואנג**, CEO, Healthfirst
18. **דארען וואלקער**, פרעזידענט, Ford Foundation

די נייע טעכנאלאגיע עדווייזערי באורד וועט לייגן געוויכט אויף צושטעלן רעקאמענדאציעס אין עטליכע וויכטיגע ערטער אין נייע טעכנאלאגיעס. די ערשטע זעקס מענאטן וועלן לייגן געוויכט אויף AI, אריינגערעכנט צו פארזיכערן אן עקא-סיסטעם פאר נייע טעכנאלאגיע צו בליען; איינפירן אפענע, פארלעסליכע און פאראנטווארטליכע AI אויף'ן מאס; צוגרייטן די ארבעטסקראפט צו גענצליך אויסנוצן געלעגנהייטן; און גלייכבארעכטיגן און טוישן "די געזיכט פון AI."

<u>**גאווערנער האקול'ס ערפינדונגען אגענדע**</u>

גאווערנער האקול בלייבט פארפליכטעט צו טרייבן אינאוואציע איבער ניו יארק סטעיט צו ציען גרויסע ארבעטגעבער און שאפן גוט-צאלענדער 21'טע יאר הונדערט דשאבס. אלס טייל פון איר פיסקאלע יאר 2025 בודזשעט, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארשיע אפמאך מיט די לעגיסלאטור צו גרינדן Empire AI, אן ערשטמאליגע אזא סארט פאראיין צו פארזיכערן ניו יארק'ס פלאץ ביים פארנט פון

ארטיפישעל אינטעליגענץ פארשונג. די פאראיין וועט אויסנוצן א 275 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג צו אוועקשטעלן און עפענען א פארגעשריטענע ארטיפישעל אינטעלידזשענס קאמפיוטינג צענטער אויף די באפעלאו אוניווערסיטעט'ס קאמפוס. די צענטער וועט גענוצט ווערן דורך פירנדע ניו יארק אינסטיטוציעס צו פאראויסשטופן פאראנטווארטליכע פארשונג און אנטוויקלונג, שאפן דזשאבס און פאראויסרוקן AI לטובת די פובליק. די פראיעקט וועט ווערן געשטיצט דורך די סטעיט און זיבן פאונדינג אנשטאלטן - קאלאמביע אוניווערסיטעט, קארנעל אוניווערסיטעט, ניו יארק אוניווערסיטעט, רענסעליער פאליטעקניק אינסטיטוט, די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק, די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק און די פלאטיראן אינסטיטוט - ווי אויך אינדוסטרי פירערס.

די גאווערנער האט שוין אין די פארגאנגענהייט אונטערגעשריבן ניו יארק'ס היסטארישע גרינע טשיפס געזעץ צו טרייבן סעמי-קאָנדאָקטער פארשונג, אנטוויקלונג און מעניופעקטשורינג אין ניו יארק סטעיט, און זי האט אנאנסירט א 10 ביליאן דאלארדיגע שותפות צו ברענגען פארגעשריטענע טשיפס פארשונג צו Albany NanoTech Complex o'NY CREATES. די גאווערנער האט פארגעזעצט צו שטופן פאר א 620 מיליאן דאלארדיגע ביאלאגישע וויסנשאפט אינציאטיוו צו שטיצן ערפינדונג אין ביא-מעדיצינישע פארשונג. און דורך סטראטעגישע אינוועסטירונגען ווי די 113.7$ מיליאן Battery-NY אינציאטיוו, האט גאווערנער האקול אריינגעגאסן די ברענשטאף פאר די וואוקס פון די ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגקייט, גרינע טעכנאלאגיע און ענערגיע סטארעדזש עקאנאמיעס אין ניו יארק סטעיט.

די גאווערנער'ס ערפינדונגען אגענדע האט אונטערגעטריבן גרויסארטיגע רעגירונג און פריוואטע אינוועסטירונגען, טראנספארמירנדיג ניו יארק'ס עקאנאמיע און שאפנדיג שיין-באצאלטע דזשאבס פון די צוקונפט. GlobalFoundries האט לעצטנס אנאנסירט אן 11.6 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אויסברייטערן זייער טשיפ מעניופעקטשורינג קאמפלעקס אין ניו יארק'ס הויפטשטאט ראיאן, שאפנדיג 1,500 דירעקטע דזשאבס און טויזנטע אומדירעקטע דזשאבס. אין 2022 האט Micron אנאנסירט א 20-יעריגע, 100 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו בויען א 'מעגאפעב' קאמפלעקס אין צענטראל ניו יארק, שאפנדיג 50,000 נייע דירעקטע און אומדירעקטע דזשאבס און עפענענדיג הונדערטע מיליאנען דאלארן אין קאמיוניטי בענעפיטן. די גאווערנער'ס ביאלאגישע וויסנשאפט אינציאטיוו האט געהאלפן באפעסטיגן ניו יארק'ס אויסוואהל פאר די 300 מיליאן דאלארדיגע Chan Zuckerberg Biohub New York, א ביא-מעדיצינישע פארשונג צענטער אין ניו יארק סיטי און באדייטנדע אינוועסטירונגען פון Schrödinger, Inc., Deerfield Discovery and Development און אנדערע ביאלאגישע וויסנשאפט ביזנעסער. פריער דאס יאר האט די נאציאנאלע וויסנשאפט פאַונדעישען (National Science Foundation) אויך אנאנסירט א 160$ מיליאן אינוועסטירונג אין בינגהעמטאן אוניווערסיטעט'ס 'נייע ענערגיע ניו יארק' ענערגיע סטארעדזש אויפטרייבונג צענטער (New Energy New York Storage Engine) צו אויפשטעלן א צענטער פאר ערפינדונגען, אריינברענגען טעכנאלאגיע אין באנוץ און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צו פארגרעסערן די קאפאציטעט פון די באטעריע אינדוסטריע אין דאס לאנד.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן